שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**והשיבו וחיו**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ל"ח**
חודש טבת-שבט שנת תשפ"ה לפ"ק

## פרנס החודש

נתנדב על ידי ידידינו עוז, הרבני הנגיד, איש ישר וטוב לב,
העושה מלאכתו ארעי ועבודת ה' קבע

## מוה"ר אברהם שמעון קויפמאן הי"ו

מעמודי התווך

לרגל אריסי בתו החשובה למעו"ט בשעטו"מ

עב"ג

הבה"ח **מנחם מענדל** בן מוה"ר **יואל ראזמאן** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזווג יעלה יפה יפה, ויזכה לראות
רוב תענוג ונחת משמחה זו, אך טוב וחסד כל הימים, ביחד
עם עבודת ה' באנפין נהירין ובחדווא עילאה, עדי
נזכה לעוד ישמע בערי יהודה ובחוצות
ירושלים קול ששון וקול שמחה
במהרה דידן אמן

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יהודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


אינמיטן שלאַכט - און ער שלאָפט..................................................... א
זיין וואַכזאַם!............................................................................ב
א קוש געגעבן דעם ברויט.............................................................. ג
'אין לך דבר למטה שאין כנגדה שַׂר מלמעלה' ..................................ד
וואו ליגט די שפע פון דער וועלט?....................................................ה
בא'גנב'עט די פעקלעך ...................................................................ו
תכלית דתכלית ..............................................................................ז
"וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו"............................................................................ח
ביזוי בזיונות ...............................................................................י
'לא אחפוץ במות המת' ..................................................................יב
א טעלעפאן רוף פון עולם האצילות......................................................יג
איבערגעקערט וועלטן פאר דיין תיקון!..................................................יד
ביסטו דען נישט קיין פערד?!...........................................................טו
"אריסטו הכסיל"............................................................................טז
'מי לה' אלי'!.................................................................................יח
קרענקען זאלסטו, אבער שכל זאלסטו האבן ...................................יט
וואספארא פנים וועל איך ביי דיר האבן?!.........................................כ
ענדליך קען ער שוין זאגן שירה.........................................................כא
זיך אויפהויבן און אוועקפליען.............................................................כד
לעבן אויף רציחה! ..........................................................................כה
די עצה וועגן קינדער .......................................................................כז
קדושתו של משה מלובש בכל אחד מישראל......................................כט
אוצרות אויף היינטיגע צייטן ...............................................................ל
כח ההתאספות .............................................................................לא


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר ל"ח

## והשיבו וחיו

## שובבי"ם תשנ"ח לפ"ק

**אינמיטן שלאַכט - און ער שלאָפט...**

רבותי, חבריי וידידיי! "**הֵחָלְצוּ מֵאִתְּכֶם אֲנָשִׁים לַצָּבָא לָתֵת נִקְמַת ה' בְּמִדְיָן**"![א] ווען איז דא נאך אזא הזדמנות במצוותינו צו ממליך זיין דעם בורא עולם אויב נישט בשעת ווען מיר געפינען זיך אויף דער וועלט אין וואס מיר זענען "**בְּנֵי תְמוּתָה**".

מיר האבן א הזדמנות צו לוחם זיין מלחמת ה' און צו ממליך צו זיין דעם בורא עולם אויף אונז און אויף דער גאנצער וועלט 'ועל נפש עוללינו וטפינו'! מיר האבן א הזדמנות פון "**תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים**"![ב]

א ילוד אשה זאל האבן אזא הזדמנות!

איינע פון די 'תכסיסי קרב' (- כלי מלחמה) פון דעם בעל-דבר, איז דאס וואס ער ווארפט א שינה, מען שלאָפט אינמיטן דער מלחמה...

אונזערע לייט פלעגן טייטשן אלעמאל. דער **רבי** דערציילט[ג] אז דער "שני למלכות" איז איינגעשלאפן און אזויפיל "חיילות" זענען

---

**א.** עפ"י במדבר לא, ג'.

**ב.** תהלים סח, לה. עיין אמת ואמונה (קאצק) עמוד ס"ג: **כל מה שהאדם מקדש את עצמו, קדושתו יתברך מתעלה, על דרך 'תנו עוז לאלקים', שישראל מוסיפין כח בפמליא של מעלה** (עיין זוהר בא ל"ב ע"ב).

**ג.** עיין מעשה א' מספה"ק סיפורי מעשיות - מאבידת בת מלך, עיין שם כל אורך תוכן הסיפור, וזל"ש בא"ד הנוגע לענינינו: ... ביום האחרון היה הולך לשם וראה מעיין הולך

אויף אים אריבער. האבן אונזערע לייט געטייטשט; דער **רבי** זאגט[ד], מען זאל זאגן תהלים אויף דער (מלחמה) פון דער יצר-הרע מיט זיינע חיילות. ווייל בשעת מען שלאָפט, דערווייל, דער בעל-דבר ארבעט, די סטרא אחרא ארבעט; מען דארף זיין וואַכעדיג[ה].

## זיין וואַכזאַם!

מען זעט טאקע, אין דער ערשטער תורה אין **ליקוטי מוהר"ן**[ו] - נאך פאר דער ערשטער תורה (- תורה א') – רעדט דער רבי וועגן דעם **"כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ"**. דער פשט איז, זיי (- התַּנָאים) האבן

---

והמראה אדום והריח של יין. ושאל את המשרת: הראית שזה מעיין, וראוי שיהיה בו מים והמראה אדמומית והריח של יין? והלך וטָעם מהמעיין. ונפל וישן מיד כמה שנים עד שבעים שנה. והיו הולכין חיילות רבות עם השייך להם, מה שנוסע אחריהם (שקורין אובאזין) והמשרת הטמין עצמו מחמת החיילות. אחר כך הלכה מרכבה ועגלות צב, ושם ישבה הבת מלך. ועמדה שם אצלו, וירדה וישבה אצלו והכירה אותו. והיתה מנערת אותו מאד, ולא ננער, וכו' עיין שם.

**ד.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: כל אדם, כל מלחמות היצר שיש עליו וכל מה שנעשה עמו, הכל מבואר ומפורש בתהלים, כי עיקרו נאמר על **מלחמות היצר הרע וחיילותיו**, שהם עיקר האויבים והשונאים של האדם, שרוצים למנעו מדרך החיים ולהורידו לשאול תחתיות ח"ו אם לא ישמור עצמו מהם. **ורק על ענין מלחמה זאת נתייסד כל ספר תהלים.**

**ה.** עיין שם סי' ע"ג: על ידי אמירת תהלים, **אפילו מי שאין לו שום התעוררות לתשובה**, הוא מתעורר לעשות תשובה ... ועל כן הוא דבר גדול מאד לעסוק תמיד באמירת תהלים, כי תהלים הוא **התעוררות גדול מאד מאד** להשם יתברך, אשרי שיאחז בו.

**ו.** עיין ריש ליקו"מ בתורה "לכו חזו" וזל"ש: לכו חזו מפעלות ה' התגלות נפלא מסוד גדולת התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי ז"ל. רבי שמעון בן יוחאי **הבטיח** שלא תשתכח תורה מישראל על ידו כמובא בדברי רז"ל (שבת קלח:): 'כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו: עתידה תורה שתשתכח מישראל, ואמר רבי שמעון בן יוחאי שלא תשתכח. שנאמר (דברים לא, כא): **"כי לא תשכח מפי זרעו"**. וכמבואר בזהר (נשא קכד:): 'בהאי חיבורא דאיהו ספר הזהר יפקון ביה מן גלותא'. ועתה בוא וראה והבן נפלאות נסתרות של תורתנו הקדושה. כי על כן סמך רבי שמעון בן יוחאי עצמו על זה הפסוק כי לא תשכח מפי זרעו. כי באמת בזה הפסוק בעצמו מרומז ונסתר סוד הזה, שעל ידי זרעו של יוחאי, שהוא רבי שמעון בן יוחאי, על ידו לא תשתכח התורה מישראל. כי סופי תיבות של זה הפסוק כי **לא** תשכ**ח** מפ**י** זרע**ו** הם אותיות יוחאי. וזה שמרמז ומגלה הפסוק 'כי לא תשכח מפי זרעו', מפי זרעו דייקא, היינו מפי זרעו של זה בעצמו שהוא מרומז ונסתר בזה הפסוק, שהוא התנא יוחאי ... ודע

טאקע געזען אז עס קומט א גרויסע שכחה, א גרויסע העלמה. עס איז אבער דא די הבטחה פון **רבי שמעון'ען** וואס ער האט געזאגט "כי לא תשכח מפי זרעו".

האט דער רבי דעמאלס אויסגעפירט נאכדעם: "**ורבי שמעון בעצמו מרומז בהפסוק: 'עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִת'**"[ז].

ווייל די מלאכים האבן אסאך נעמען; וואס איז דער לשון "עִיר"? נאר, ביי דעם ענין פון קדושה דארף מען האבן א [וואַכזאמקייט] 'מצד אחד'. ווייל דאס ענין פון קדושה איז טאקע בהיסח דעת, עס דארף אבער האבן א [וואַכזאמקייט] בכל רגע ורגע 'להוציא חרב מתערה שְׁלַפְתָּ נגד צורריך'. עס דארף א געוואלדיגע [וואַכזאמקייט], סיי אויף זיך, סיי אויף דער סביבה אוואו מען געפינט זיך[ח].

## א קוש געגעבן דעם ברויט...

נעכטן האב איך טאקע גערעדט פאר אונזערע לייט איבער דעם ענין וואס מען גייט דא רעדן, פון שובבי"ם. האב איך מקדים געווען א זאך פון חמשה-עשר בשבט. עס איז דא א לאַו פון 'בל תשחית'

---

שסוד רבי שמעון בעצמו. הוא מרומז בפסוק אחר. כי דע כי התנא הקדוש רבי שמעון הוא בחינת (דניאל ד): **ע**'יר **ו**'קדיש **מ**'ן ש'מיא **נ**'חית ראשי תבות **שמעון** וכו'.

**ז.** דניאל ד, י.

**ח.** עיין שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"א, אות ת"ר: רבינו אמר: "**רבי שמעון, ער איז א וואַכעדיגער**". "רבי שמעון בר יוחאי הוא 'ער'". [כלומר שענינו הוא ערות והתעוררות]; וכבמואר במאמר "לכו חזו" שרבי שמעון הוא בחינת "ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית", 'עִיר' דייקא, עכ"ל שם. ובהערה שם: ראה רש"י דניאל שם ד"ה 'חזה הוית': "עיר וקדיש – והוא מלאך, שהוא **ער לעולם וקדוש**". וראה עוד בליקוטי הלכות נזיקין ה"ג אות ג': "רשב"י הוא בבחינת התעוררות השינה, כי מבואר בדברי רביז"ל שרבי שמעון הוא בחינת 'עיר וקדיש מן שמיא נחית' שהוא ר"ת 'שמעון', 'עיר וקדיש' דייקא, בחינת התעוררות השינה, כי 'עִיר' הוא היפך השינה, ע"כ. גם עיין במראה מקומות הרב מטשערין שבספר המידות (אות שינה א'): **מי שהוא מקודש ביותר, מרוחק מהשינה ביותר**, שהסמיך לזה הרב את הפסוק עיר וקדיש הנ"ל.

- א מענטש זאל נישט מזלזל זיין אין דעם אויבערשטנ'ס שפע – "בל תשחית"!

איך געדענק טאקע, אין אלט-שטאט פאר פופציג יאר צוריק, ביי די ספַרדים, אז עס איז געלעגן א שטיקל ברויט אויף דער ערד בזלזול, האט מען עס אויפגעהויבן און א קוש געגעבן אזוי ווי מען גיט א קוש א סידור - און עס אוועקגעלייגט אויף א מקום מכובד! נישט מזלזל זיין אין דעם אויבערשטנ'ס שפע! עס איז דא א לאַו פון בל תשחית!

## 'אין לך דבר למטה שאין כנגדה שַׂר מלמעלה'

אט דער לאַו פון 'בל תשחית' האט דער אויבערשטער מדגיש געווען ביי אַן אילן.

יעדע זאך האט דאך א שורש; יעדער בארג – זאגט דער **אר"י הקדוש**[ט] – האט א שורש. עס איז נישטא קיין מעיין אין דער וועלט וואס האט נישט קיין שורש למעלה - אזוי שטייט פון אר"י הקדוש[י].

---

ט. עיין שער הגלגולים הקדמה כ"ה: **אין דבר באה למטה, שאין כנגדה למעלה שר ממונה על הדבר ההוא.** והנה ההרים הגדולים הגבוהים אשר בארץ הזאת, יש עליהם שרים מחולקים על כל אחד מהם למעלה. ובערך גבהות ההר התחתון על ההר האחר, כך ערך גבהות ומעלת השר ההוא התחתון, על השר של ההר האחר הנמוך ממנו כנודע ... ולפעמים שהשר של החי הוא שלמעלה מתבטל לגמרי ממעלתו, ואז גם ההר ההוא שלו התחתון, מתבטלת מעלתו ולא מציאותו, **והוא כי הוא מתדבק ומתחבר עם הר אחר ומתבטל בו,** ואינו ניכר מפני עצמו. ולפעמים יהיה הדבר בהיפך, כי השר של ההר ההוא, מסירים ממנו קצת ממשלתו, ונחלקת ממשלתו, ונתנה חציה לשר אחר, וחציה נשארת אליה, ואז גם למטה אותו ההר שהיה תחת ממשלתו, נבקע ונחלק לשנים. **ולכן תראה לפעמים סלע גדול שנבקע לשנים ממש,** ואין בבקיעה ההיא עפר אחר החולק באמצע, רק הסלע עצמו נחלק ונבקע לשתי בקיעות.

י. שם וז"ל: **אין לך מעיין למטה בקרקע, שאין כנגדו למעלה בארץ העליונה אור אחד עליון** ... וכאשר איזה מעיין או באר מים למטה בארץ נסתם ויבש, גם כחו למעלה נתייבש ... גם לפעמים תראה שנתחדש מחדש, ויצא מעיין או מקור מים חיים מן הבאר למטה, מה

דער אר"י הקדוש זאגט דארט, אז מען נעמט אמאל א בארג און מען צעטיילט עס צווישן צוויי שָׂרים (למעלה), שפאלט זיך עס און עס ווערט צוויי; דעם מענטשן פאלט איין צו סולל זיין דארטן א דרך און עס ווערט צוויי (וכדו'). און אז עס מאכט זיך אמאל א בארג וואס האט צוויי שָׂרים און דער בורא עולם פארשטייט אז עס דארף האבן נאר איין שַׂר, ווערט עס איינס; עס ווערט פארוואקסן, אדער פארשיט מען עס.

אזוי אויך אַן אילן האט א שורש למעלה[יא].

מען זעט טאקע, דער אויבערשטער האט בוחר געווען דער מצוה פון 'בל-תשחית', ביי אילנות. דער לשון הפסוק איז[יב]: **"לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ לִנְדֹּחַ עָלָיו גַּרְזֶן, כִּי מִמֶּנּוּ תֹאכֵל וְאֹתוֹ לֹא תִכְרֹת"**. לאָז דעם בוים טון זיין תפקיד וואס אויף דעם איז ער באשאפן געווארן! שטער אים נישט פון דער זאך וואס צוליב דעם איז ער באשאפן געווארן!

אז ער איז באשאפן געווארן צו געבן פירות – זאל ער געבן פירות! אז דו שטערסט אים, ביסטו עובר אויף א לאַו – א לאַו אויף וואס עס איז מן הסתם דא מלקות - א לאַו אין דער תורה הקדושה! דו טאָרסט נישט שטערן דעם בוים ער זאל נישט קענען טון דאס אויף וואס ער איז באשאפן געווארן - ער דארף געבן פירות.

## וואו ליגט די שפע פון דער וועלט?

אין **תורה מ"ז** רעדט דער רבי וועגן 'אכילה דקדושה'. זאגט דארט דער רבי, די שפע אויף דער וועלט גייט פון 'ארץ ישראל', פון 'יעקב',

---

שלא היה מתחילה, וזה יורה כי גם למעלה נתחדש איזה אור עליון.

**יא.** שם, וז"ל: **גם בענין האילנות שבארץ הזאת, יש על כל אחת שר למעלה**, וכשזה נופל זה מתייבש. ולא עוד, אלא שבכל פעם שנופלים עלה האילן למטה, גם איזה כח עליון חסר מן השר העליון למעלה בעת ההיא.

**יב.** דברים כ, יט.

פון 'תפלין'. [יעקב איז התפארות, כלליות הגוונין]. פון דארטן גייט די שפע אויף דער וועלט.

טאקע די גמרא זאגט אין תענית[יג] אויפן פסוק[יד]: "'**הַנֹּתֵן מָטָר עַל פְּנֵי אָרֶץ וְשֹׁלֵחַ מַיִם עַל פְּנֵי חוּצוֹת**'; '**ארץ ישראל שותה מי גשמים**'" - צום ערשט גיט דער אויבערשטער מטר אין ארץ ישראל, "**וכל העולם כולו ניזון מתמצית**".

איינער האט געפרעגט אמאל **רבי שלמה'קע זוועיהלער**, מען זעט דאך פארקערט? - אז עס רעגנט אסאך אין חוץ לארץ - רעגנט אביסל דא אויך? האט ער אים געזאגט, ווען מען לייגט אריין א קליין כלי אין א גרויסע כלי, איז אז מען גיסט אריין אין דעם קליינעם כלי און עס ווערט פול, גייט עס איבער און עס גייט אריין אין דעם גרויסן כלי. אבער אויב די קליינע כלי איז צעבראכן, איז וואס מען גיסט אריין אין די קליינע, רינט עס אריין אין די גרויסע און דערנאך צוריק אריין אין די קליינע...[טו]

אבער למעשה, די גאנצע שפע גייט פון ארץ ישראל.

## בא'גנב'עט די פעקלעך...

פון **בעל-שם** איז דא גאר אַן אינטערעסאנטער משל, א משל נפלא; א קייסער האט גוזר געווען אויף זיין זון גלות, ער האט אים פארשיקט אין גלות, ער האט זיך געדארפט געפונען למרחקים אין א געוויסן דארף.

דער בן המלך דארף דאך עסן, האט דער קייסער אים געשיקט א פעקל דורכן פּאָסט. אז עס איז געקומען ביי די גויים, זיי גיבן א קוק - אזא פעקל - יעדער פראדוקט, יעדע זאך, מיט אזא שלימות, מיט

יג. דף י' ע"א.

יד. איוב ה, י.

טו. מובא בספר 'צדיק יסוד עולם' ח"א עמוד 251.

אזא - - יעדע זאך איז הפלא ופלא. האבן זיי אים עס געקארגט צו געבן - און זיי האבן עס בא'גנב'עט...

האט דער קייסער געשיקט נאך א פעקל, האט מען עס ווייטער בא'גנב'עט. האט ער געשיקט נאך א פעקל, האט מען עס ווייטער בא'גנב'עט. געשיקט נאך א פעקל, האט מען עס געהאלטן אין איין בא'גנב'ענען.

האט מען געזאגט דעם קייסער: "דו ווייסט דאך אז מען גנב'עט עס - וואס שיקסטו?" האט ער געזאגט: "מיין זון, איך שיק אים אזוי פיל, אז דער גאנצער דאָרף זאל ווערן רייך, און אז ער געפינט זיך אין א רייכן דאָרף, האט ער אויך צו עסן!".

זעט מען, די עיני גשמי זעט אנדערש ווי וואס דער אמת איז; דער אמת איז אז ער איז אלעמען מפרנס, ווען נישט אז ער איז דא, שיקט מען גארנישט אין דאָרף, איז ליידיג דער גאנצער דארף, אלעס שיקט מען צוליב אים - דאס איז דער אמת. אבער די עיני גשמי זעט אז אלע האבן - און אים גיט מען 'אויך'... ווען ער וואלט אבער געהאט דעם זכות, וואלט מען אלעס געשיקט צו אים און ער וואלט אלעמען געטיילט - ער וואלט דארט מושל געווען.

## תכלית דתכלית

על-כל-פנים, דער רבי רעדט דארט (בתורה מ"ז הנ"ל) אז "ארץ ישראל" איז 'תפילין', 'פְּאֵר', 'יעקב', 'נפתלי', [נפתל"י איז מלשון תפלי"ן]. פירט דער רבי דארטן אויס[טז]: "**נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה**"[יז] - ארץ ישראל קריגט פירות[יח]. "**הַנֹּתֵן אִמְרֵי שָׁפֶר**"; וואס ווערט פון די פירות? עס ווערט דיבורי תורה, דיבורי תפילה, דיבורי אמונה, הילולים פאר השם יתברך.

---

**טז.** עיין שם; גם עיין שם תניינא סי' ט"ז.

**יז.** בראשית מט, כא.

**יח.** עיין רש"י שם.

די עצם 'הילולים' וואס מען דאנקט פאר די פירות, אט דאס ווערט פון די פירות.

זעט מען דאך; דער **רבי** זאגט[יט], עס איז דא א 'תכלית', און עס איז דא א 'תכלית דתכלית'; די ביימער דארפן גיבן פירות, און מיר דארפן טון מיט די פירות 'להלל ולשבֵּח ולהודות', רעדן פון אמונה, רעדן פון ה' יתברך, דאנקען, בעטן, לערנען די הייליגע תורה, דאס זענען אונזערע פירות.

דער מציאות ביי אונז איז, מיר ווערן גאר מתוקן דורך אונזערע פירות; מיר זענען א בוים, וואס כפי די פירות וואס עס קומט ארויס, אזא תיקון באקומט מען; די פירות איז מתקן דעם בוים. עס שטייט דאך[כ]: **"אל תקרי בָּנָיִךְ, אלא בּוֹנָיִךְ"**; דער בן איז מתקן דעם טאטן.

### "וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו"

אין **ליקוטי מוהר"ן** סימן ל"ז אויפן פסוק[כא] **"דִּרְשׁוּ ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד"**, הויבט אָן דער רבי מיט א **זוהר**[כב]: **"כי עיקר הבריאה היא בגין דישתמודעין ליה", כמו שכתוב**[כג]: **"וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו"**.

ביי בריאת האדם שטייט[כד]: **"נַעֲשֶׂה אָדָם"** - דאס איז 'עשיה'; און עס שטייט[כה]: **"וַיִּיצֶר ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם"** - דאס איז 'יצירה'; און עס עס שטייט[כו]: **"בְּצֶלֶם אֱלֹקִים בָּרָא אֹתוֹ"** - דאס איז 'בריאה'.

---

**יט.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"ח, אות א': דע, כי לכל דבר יש תכלית, ולתכלית יש עוד תכלית אחר, גבוה מעל גבוה.

**כ.** ברכות סד.

**כא.** תהלים קה, ד.

**כב.** פר' בא דף מב.

**כג.** ישעי' מג, ז.

**כד.** בראשית א, כו.

**כה.** בראשית ב, ז.

**כו.** בראשית א, כז.

דאס הייסט, דער מענטש איז כלול פון 'עשיה' און פון 'יצירה' און פון 'בריאה', אט דאס איז דער "בראתיו יצרתיו אף עשיתיו"; און וועגן וואס איז ער באשאפן געווארן? "לכבודי"! א מענטש איז באשאפן געווארן 'לכבודו', 'לכבוד ה"'![כז]

א מענטש איז באשאפן געווארן צו מכבד זיין דעם בורא עולם; דאס הייסט, ער זאל זיך פירן אויף אזעלכע אופנים אז דער אויבערשטער זאל נתכבד ווערן פון אים, עס זאל ארויסקומען פון אים 'כבוד אלוקים', נאר וועגן דעם איז מען באשאפן געווארן, נישט וועגן קיין אנדערע זאך.

אז א מענטש איז זוכה צו מכבד זיין דעם אויבערשטן און עס גייט ארויס פון אים 'כבוד אלוקים', ווערט נתעורר אורות מיט גילויים פון עולם האצילות וואס דאס רופט זיך 'כבודי' וואס דאס שיינט אין אלע עולמות; און אז אט די גילויים, דער אור הנעלם, גייט אריין אין דעם מענטשן אליין, הויבט ער אָן צו וויסן פון דעם אויבערשטן, וואס דעמאלס בשעת ער הויבט אָן צו וויסן פון דעם אויבערשטן, רוהט אויף אים 'כבוד אלוקים'.

אט דאס איז דער פשט: "כי עיקר הבריאה היא בגין דישתמודעין ליה, כמו שכתוב 'לכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו'", אט דאס איז דער "לכבודי".

אז א מענטש איז זוכה דורך זיין 'אתערותא דלתתא' צו מכבד זיין דעם אויבערשטן, און אז דער אויבערשטער זאל אים אראפשיקן אז עס זאל רוהען אויף אים דער 'כבוד אלוקים', אט דאס איז דער איינציגסטער פשט וואס דער **רבי** זאגט אין סימן ו'[כח]: **"אזי הוא זוכה לכבוד אלוקים"**, וואס אויף דעם שטייט[כט]: **"כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד"**.

---

**כז.** עיין זוה"ק תרומה דף קנ"ד ע"ב; אוה"ח הק' על ויקרא כב, יב; של"ה הק' מס' שבועות - תורה אור, אות כ'.

**כח.** ליקוטי מוהר"ן, עיין שם אות א'.

**כט.** שמואל-א ב, ל.

אט דאס איז דער פתרון אמיתי פון דער בריאה, נאר וועגן דעם איז מען באשאפן געווארן, נישט וועגן עפעס אנדערש, אלץ וואס מיר דרייען זיך, אלעס וואס מען טוט, אלעס דארף זיין א מרכבה צו אט דער נקודה[ל].

**ביזוי בזיונות**

דער היפך פון דער זאך (- כבוד דקדושה), דער תכלית ההיפך פון דעם ענין, איז פגם הברית, רחמנא ליצלן. אזוי ווי דאס לשון פון **תיקוני זוהר**[לא], וואס דער **רבי** ברענגט דאס אראפ[לב]: **"אין בושת אלא במקום עריין"**. עס איז אזא גרויסע בושה, עס איז אזא שטארקע בושה, אז מען קען אויף דעם זאגן, עס איז נישטא קיין אנדערע בושה אויף דער וועלט![לג]

עס איז נישטא במציאות קיין אנדערע בושה אין דער וועלט נאר דאס!

אט דאס איז **"רַע בְּעֵינֵי ה'"** - אזוי רופט דאס אָן די תורה הקדושה[לד], אט דאס איז מורד געווען במלכות שמים. אויף דעם שטייט[לה]: **"וּבֹזַי יֵקָלּוּ"**. עס איז סיי א בזיון פארן אויבערשטן, און סיי

---

**ל.** עיין ליקוטי הלכות הל' כיבוד או"א ה"ב אות א': **שורש הבריאה הוא הכבוד, כי כל מה שברא ה' יתברך לא ברא אלא לכבודו**, כמו שכתב רביז"ל שם. **ועיקר הכבוד הוא בחינת אתערותא דלתתא**, שעל ידי זה שאנחנו עם בני ישראל עובדין אותו יתברך ומקיימין מצוותיו יתברך, על ידי זה נתגדל כבודו יתברך ועל ידי זה נעשה בחינת אתערותא דלתתא כידוע. **וזהו עיקר שלימות הבריאה אשר בשביל זה ברא ה' יתברך את כל הבריאה כולה.** וכל זמן שאין ח"ו בחינת אתערותא דלתתא, אזי אין כבודו בשלימות ח"ו כביכול.

**לא.** דף צ"ב ע"ב.

**לב.** ליקוטי מוהר"ן סי' י"ט אות ג'.

**לג.** עיין ליקוטי עצות (ערך ברית) עפ"י תורה זו, וז"ל: כל החרפות ובושות הבאין על האדם הם על ידי פגם הברית, ולהיפך, על ידי תיקון הברית זוכין לכבוד.

**לד.** בראשית לח, ז.

**לה.** שמואל-א שם.

א בזיון פאר דעם מענטשן בעצמו, וואס "בצלם אלוקים ברא אותו" - און דא איז ער זיך משפיל 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא' אפילו 'בעיני בני אדם'[לו].

מען זעט ווי ווייט; **רבי אלעזר בן דורדיא** איז דאך געווען שקוע 'איום ונורא' אין דעם חטא. איז א פלא'דיגע זאך ווי אזוי עס איז אים געקומען די התעוררות; אט די טמֵאה, די טמֵאה שבטמֵאה, זי האט אים מבייש געווען, זי האט אים מבזה געווען, זי האט אים פארציילט ווער ער איז, האט זי אים געגעבן א ריר זיין נפש, האט ער באקומען אזא חרטה, איז ער געגאנגען מתשובה לתשובה ומחרטה לחרטה[לז].

וואס האט ער געטון אויף דער וועלט? ער האט מרעיש געווען אלע עולמות! איז טאקע געווען יצתה נשמתו בפועל ממש!

און ווייטער, **דער בזיון פון דעם חילוף, דער בזיון פון דעם חילוף; איר ווייסט וואספארא חילוף דאס איז?! מען בייט איבער אין-סוף**

---

**לו.** עיין שיחות הר"ן ש"ג-ש"ד: פעם אחת דיבר עמי מענין מיאוס תאוה הידוע. ואמר אז: מי שמהרהר בהרהורי ניאוף הוא שוטה. כי הלא **אפילו איש פשוט שקורין בעל הבית הוא גם כן אינו חפץ שיהיה נתפס ח"ו בענין זה**. אפילו אם אינו ירא חטא כלל על כל פנים בודאי אינו רוצה שיהיה לו בזיון בזה שיתפסו אותו עם אשה אחרת ... פעם אחת התלוצץ מזה ואמר שעל זה מבקשים בכל יום ואל תביאני לידי נסיון ולא לידי בזיון. ואמר בזו הלשון: **אדער אה נסיון אדער אה בזיון** (או נסיון, או בזיון). היינו כי אם לא יעמוד בנסיון יהיה לו בזיון.

**לז.** עיין כל זה בגמ' עבודה זרה דף י"ז ע"א: והתניא, אמרו עליו על ר"א בן דורדיא שלא הניח זונה אחת בעולם שלא בא עליה. פעם אחת שמע שיש זונה אחת בכרכי הים והיתה נוטלת כיס דינרין בשכרה. נטל כיס דינרין והלך ועבר עליה שבעה נהרות. בשעת הרגל דבר הפיחה. אמרה, כשם שהפיחה זו אינה חוזרת למקומה כך אלעזר בן דורדיא אין מקבלין אותו בתשובה. הלך וישב בין שני הרים וגבעות, אמר, הרים וגבעות בקשו עלי רחמים. אמרו לו, עד שאנו מבקשים עליך נבקש על עצמנו ... אמר, אין הדבר תלוי אלא בי. הניח ראשו בין ברכיו וגעה בבכיה עד שיצתה נשמתו. יצתה בת קול ואמרה, ר"א בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא ... בכה רבי ואמר, יש קונה עולמו בכמה שנים ויש קונה עולמו בשעה אחת. ואמר רבי, לא דיין לבעלי תשובה שמקבלין אותן, אלא שקורין אותן רבי.

**ברוך-הוא, בייט מען איבער פאר א ניוול!? איר ווייסט וואספארא חילוף דאס איז?! עס איז דאך א פחד איום! מען בייט איבער דעם בורא עולם פאר א ניוול! עס איז דאך א שרעק אין דער וועלט! דער שורש החיים, דער שורש הנצחיות, בייט מען איבער פאר 'מות', פאר 'כליון ואבדון'!**

**עס איז דאך 'שומו שמים' וואס א 'ילוד אשה' וואס 'היום כאן ומחר בקבר' קען זיך באַנאַרישן מיט זיין בחירה!**

## 'לא אחפוץ במות המת'

מען זעט טאקע, מען האט גערעדט פון רבי אלעזר בן דורדיא וואס 'יצתה נשמתו' (- מת). דער הייליגער רבי רעדט אין **ליקוטי מוהר"ן** אין תורה נ"ח, וועגן 'תשובה מאהבה'; מיר האבן אמאל ארומגערעדט ווי די גאנצע תורה דארט רעדט וועגן 'תשובה מאהבה'[לח]. עס איז געוואלדיגע המתקות, וואס דורכדעם דארף מען נישט צוקומען צו די ד' חלוקי כפרה[לט], עס איז א געוואלדיגער תיקון!

ברענגט דארט דער רבי אראפ דעם פסוק[מ]: "**וְהָשִׁיבוּ וִחְיוּ**"; אז דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל תשובה טון, וויל ער דען אז ער זאל ח"ו שטארבן? ניין! - "והשיבו וחיו"! "והשיבו וחיו"! אדרבא! לעבט! לעבט ווייטער! נעמט דעם עתיד און פאררריכט דעם עבר! זייט זיך נוקם!

---

**לח.** עיין ספר דורשי יחודך - יסודי היהדות (ח"א) - מאמר 'שבת יום חמדתו'.

**לט.** עיין בני יששכר - מאמרי חודש תשרי - ד', אות ל"ט: יש לפרש עפ"י מה שכתב הרב הגדול מו' חיד"א זללה"ה (עי' חומת אנך על תהלים קג, ג) ד' חילוקי כפרה אינם רק להשב מיראה **אבל השב מאהבה אין צריך לד' חילוקי כפרה** רק מתכפר הכל בתשובה לבדה, כתב כן בשם גדולי הקדמונים (ולא נודע לי מקומו איה, וסוגיות הש"ס לא נודעו במסילות הללו, **אבל כיון שפסק כן רב מובהק בדורו בבית דין של מטה, פוסקין כן להלכה בבית דין של מעלה**), עכל"ק שם. גם עיין בספר חרדים פרק ס"ה.

**מ.** יחזקאל יח, לב.

א מענטש דארף וויסן; **יעדער נסיון וואס ער האט, יעדער נסיון וואס ער האט, וואס מער דער יצר-הרע ברענט ווי א פייער, וואס מער דער טמטום הלב און דער טמטום המח איז, וואס שטארקער דער נסיון איז, דעמאלס אז ער איז ממליך דעם בורא עולם מיט דער גרעסטער נקמה און אכזריות, פארריכט ער צענדליגער צענדליגער פגמים פון פריער!** [מא]

און אמאל איז עס אזא סארט מצב וואס מען פאררריכט פגמים הקודמים פון פריערדיגע - - (גלגולים).

מיר האבן דאך א לעבן פאר אונז, עס שטייט דאך א לעבן פאר אונז, מען קען נאך אלעס מתקן זיין! [מב]

## א טעלעפאן רוף פון עולם האצילות...

די גמרא זאגט אין קידושין[מג]: **"ישב ולא עבר עבירה, נותנים לו שכר כעושה מצוה"**. היינט בשעת די לופט איז פאר'סמ'ט, איז כל רגע ורגע 'כאילו עושה מצוה'! יעדע רגע וואס מען איז ממליך דעם

**מא.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ט: **ודע, שעיקר התשובה השלימה היא, כשאדם עובר באלו המקומות ממש שהיה מקודם התשובה**, כל אחד לפי מה שעבר עליו בימים הקודמים, וכשעובר באלו המקומות והענינים שהיה מתחילה ממש, ועכשיו פונה עורף מהם, וכופה יצרו לבלי לעשות עוד מה שעשה, זהו עיקר התשובה השלימה, **ורק זה נקרא תשובה.**

**מב.** עיין ליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ה"ו אות כ"ה: **כי זה ידוע לכל, שאפילו אם חטא כל ימיו ושב באחרונה מוחלין לו הכל**, כמו שאמרו רז"ל (קדושין מ), וכמבואר בכל ספרי מוסר. **וכן כבר נמצאו כמה בעלי תשובות בעולם שלא שבו בתשובה עד סוף ימיהם.** כי בודאי מי ששב בימי נעוריו אין למעלה הימנו, אבל אם כבר נתרשל ח"ו ולא שב עד סוף ימיו, גם כן אשרי לו מה שבסוף ימיו על כל פנים. אבל עיקר הנפילה בדעתו של הרבה בני אדם שכבר התחילו כמה פעמים ונפלו וכו', עיקר נפילתם הוא מחמת שראו שכבר התחילו כמה פעמים ונפלו, על כן רוצה הבעל דבר להסיתם ליאש את עצמו ח"ו, על כן צריכין לילך בדרך הנ"ל להתחיל מחדש באיזה בחינה שהוא וישכח מדעתו לגמרי כל מה שעבר עליו.

**מג.** דף לט ע"ב.

אויבערשטן בחדרי חדרים, וואס מען איז מסיח דעת פון א הרהור, איז עס דאך נחשב 'כאילו עושה מצוה'!

מען מאכט א תיקון בכל העולמות!

ממש בכל העולמות!

איר ווייסט וואס א מענטש איז? א מענטש רירט אין אלע עולמות![מד]

א מענטש איז מורא'דיג גרויס!

בשעת א מענטש האט א נסיון איז דאס א געוואלדיגער עת רצון! עס איז עפעס דא א מקרה?! עס איז נישטא קיין מקרה! בשעת א מענטש האט א נסיון איז דאס א טעלעפאן פון עולם האצילות פון דעם אויבערשטן אליין – 'זיי מיר ממליך - בין איך דיר אלץ מתקן!'.

## איבערגעקערט וועלטן פאר דיין תיקון!

רבי נתן ברענגט אראפ אין **ליקוטי הלכות** כמה פעמים[מה], בשעת א מענטש קומט ארויף אויף יענער וועלט און מען האט רחמנות אויף אים, מען קען אים געבן אזויפיל גיהנום, מען קען אים געבן אזויפיל יסורים, האט מען רחמנות אויף אים - זאגט ער א לשון[מו]

---

**מד.** עיין חיי מוהר"ן אות תק"ד: מענין הפלגת גדלת האדם, אמר, כשהאדם עושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות, וכשעושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות. ואמר בזו הלשון: **וואס טייטש, א מענש אז ער טוט אזוי אמאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות, אין אז ער טוט אזוי א מאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות.**

**מה.** עיין לדוגמא בהל' ברכת הריח ה"ה אות מ"ה: ה' יתברך חושב מחשבות לבל ידח ממנו נדח, **והוא מסיבות מתהפך בתחבולותיו.** כי כשהאדם נופל על ידי חטאים למקום הרחוק מהקדושה, אזי ה' יתברך מזמין לו **שם** רמזים לפי אותו המקום ומזמין לו **איזה זכות** שיכול לזכות בזה המקום הרחוק דייקא, **וזהו הנסיון והבחירה שלו.** ואם יזכה שם לזכור בה' יתברך ולעשות שם מה שיוכל מה שמרמז לו ה' יתברך בכל מקום שהוא, **בקל** יוכל לשוב לה' יתברך, כי לפי המקום הזה יכול לזכות **בעבודה קטנה** לעשות נחת רוח ותענוג ושעשוע גדול לה' יתברך מה שלא היה זוכה במקום קדוש ביותר.

**מו.** עפ"י לשון ליקוטי תפילות ח"ב תפילה ל"ג.

- "**כמה עולמות אתהפיכו**" ביז מען האט אים מגלגל געווען, "**וכמה וכמה עולמות אתהפיכו**" ביז מען האט אים צוגעבראכט צו דעם נסיון; האסטו נישט קיין שכל און דו קומסט צו גיין און דו פארקויפסט דער גאנצער בכורה פאר א נזיד עדשים – און פאר ערגער ווי נזיד עדשים?! דו מאכסט זיך חרוב ונחרב?![מז]

מען האט דאך דיר אראפגעשיקט אויף דער וועלט אז דו זאלסט דא ממליך זיין דעם אויבערשטן, דו זאלסט דא גיבן א גוטן פארמאך דעם אויג! אז דו ביסט דא ממליך דעם אויבערשטן אויף אביסל שמוציגע בלוט - פארשפּאָרסטו זיך טויזנט יאר גיהנום! פאררירכסטו אלע אלטע גלגולים; האסטו נישט קיין שכל און דו גייסט ווייטער 'ככלב שב אל קיאו'?! - עס איז דאך א פחד נורא!

## ביסטו דען נישט קיין פערד?!...

איך האב אמאל געהערט פון א איד א שיין וואָרט. עס שטייט אין פסוק[מח]: "**לְמַטֵּה יוֹסֵף לְמַטֵּה מְנַשֶּׁה גַּדִּי בֶּן סוּסִי**". זאגט ער אזוי, "למטה" – דו ביסט אראפ 'למטה', "יוסף" – כדי דו זאלסט 'מוסיף' זיין קדושה. "למטה" – למעשה אז דו ביסט דא אראפגעקומען,

---

**מז.** עיין ליקוטי תפילות תפילה כ"ב: **בכמה בחינות ובכמה גלגולים גלגלת עמי, וכמה סיבות סבבת עמי, סיבות טובות ושאינן טובות, והכל היו לטובתי,** כדי לרמז לי על ידם לשוב אליך, בכמה לשונות של חיבה קראת אותי, ובכמה רמזים שונים רמזת אלי להתקרב אליך. ולא די שלא חסתי עלי להתקרב אליך באמת ולהיות כרצונך הטוב בשלימות, אף גם הייתי כמסלק הבושה מעל פניו, ומרדתי נגדך בשאט בנפש במרד ובמעל, ופגמתי פגמים הרבה מאד, לא יום אחד ולא יומים ולא עשרה ימים ולא חודש ולא שנה אחת, כי אם הרביתי לפשוע ולפגום ימים ושנים הרבה, הוספתי ימים על ימים, שנים על שנים, מלאים חטא ועון ופשע, מלאים חרפות ובושות גדולות ונוראות, ע"כ. גם עיין שם חלק שני תפילה ל"ט: ואדע ואאמין באמונה שלמה וחזקה תמיד, שאין שום יאוש בעולם כלל איך שהוא איך שהוא, כי רחמיך לא כלים לעולם ואתה מנסה את כל אדם בכל עת, **ואתה מגלגל ומסבב עם כל אדם גלגולים וסיבות נפלאות,** ואתה חפץ שהאדם יחזק ידו בהשם יתברך בכל עת אף אם הוא כמו שהוא, כי לית רעותא טבא דאתאביד, ויקר וחביב בעיניך מאד מאד, כל תנועה ותנועה שהאדם מנשא עצמו להתקרב אליך ממקום שהוא שם.

**מח.** במדבר יג, יא.

"מנשה" – האסטו אלץ פארגעסן[מט]; "גדי" – זאג מיר (- מלשון 'הַגידה'), "בן סוסי" - ביסטו דען נישט קיין פערד?!...

## "אריסטו הכסיל"...

עס איז א געוואלדיגע זאך, מען דארף עפענען די אויגן, מען דארף נישט שלאפן, **"עורו ישנים מתרמדתכם"**, וויפיל דרייען מיר זיך דא?! וויפיל דרייען מיר זיך דא?!

דעם רבינ'ס זאך איז "דער תכלית" - געדענקען דעם תכלית!

**רבי לוי יצחק**[נ] האט געזאגט, עס איז נישט געווען אזא מציאות אז עס האבן זיך געטראפן צוויי פון אונזערע לייט אין גאס און נישט גערעדט פון דעם 'תכלית'[נא].

---

**מט.** עיין בראשית מ"א נ"א שמנשה הוא מלשון שכחה.

**נ.** ה"ה **הגה"ח רבי לוי יצחק** ב"ר אברהם נח **בענדער זצ"ל**, נולד כ"ג סיון בשנת תרנ"ז בגראדזיסק שבפולין, ובשנת תרע"ג עבר ללמוד בישיבת מאקאווא בפוילין, והתמיד שם בלימודו באופן יוצא מן הכלל, ושם התקרב לדרך רביז"ל על ידי הרה"ח רבי יצחק קראקאווסקי זצ"ל. בשלהי שנת תרע"ד נתפרקה הישיבה ונסע לאומאן, ושם דבק ברבו המובהק הגה"ח רבי אברהם ב"ר נחמן מטולטשין זצ"ל, וקיבל ממנו הרבה תורה ועבודה במשנת רביז"ל ותלמידיו, ושימש שם כש"ץ בקיבוץ ר"ה כ"א שנים. בעת מלחמת העולם השניה ברח לטאשקענט, ובשנת תש"ו התחיל מסעו לארץ ישראל, ותחילה הגיע למחנה באד-רייכנהאל בגרמניה, שם שהה למעלה משנתיים, ושם כיהן כדיין בבי"ד וטיפל בשאלות העגונות, והקים מקוואות טהרה ועוד. בתחילת שנת תש"ט עלה לאר"י ומאז ועד יומו האחרון היה דולה ומשקה תורה ועבודה, ובעיקר מה שקיבל מרבי אברהם ר' נחמן'ס, ושימש כגבאי וש"ץ ב'שול' שבמאה שערים מבלי לנטות ימין ושמאל, הכל בדרך הישרה והרצויה כראוי לביהמ"ד הנקרא על שם הצדיק. דיבוריו שנאמרו באמת וצדק ללא כחל ושרק, נדפסו בחייו ובהסכמתו בסדרת הספרים "שיח שרפי קודש", לאחרונה גם הוקם בארה"ב מכון 'טעם זקנים' שעורך את דיבוריו באופן נאה ומקתבל. נסתלק כ"ב תמוז תשמ"ט לפ"ק, ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

**נא.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה אות ו': **בכל עת שפוגעין באיזה אדם בפרט בחבירו החביב עליו, צריכין תיכף להזכיר את עצמו בתכלית העולם הבא.**

אט דאס איז די ריכטיגע חכמה - אז א מענטש ווייסט פון תכלית, ער נאַרט זיך נישט, מען ווייסן אז מען גייט אהיים, וואס האב איך דא צו טון!? עס איז דאך א מורא'דיגער טפשות![נב]

**רבי חיים וויטאל** - ער האט דאך מקבל געווען פון דעם אר"י הקדוש דעם אמת - שרייבט ער[נג]: **"אריסטו הכסיל"**... וואס איז? אז דו האסט א גוטן קאפ ביסטו א קלוגער? - **האב שכל!** האב שכל![נד]

בפרט – אידן! מיר האבן א תורה מסיני, מיר ווייסן וואס מיר האבן צו טון אויף דער וועלט, מיר ווייסן דעם פיתרון פון דער וועלט![נה]

---

**נב.** עיין ספר דורשי יחודך (יסודי היהדות ח"א מאמר א') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: רבי לוי יצחק פלעגט דערציילן, אז עס איז געווען אזוי; אונזערע לייט האבן אזוי געלעבט מיט דעם דעת פון 'על מה אתינא להאי עלמא'! קודם כל גיט דאך דאס ארויס אזויפיל - אזויפיל מצוות, אזויפיל מעשים טובים, אזויפיל סור מרע, אזויפיל זיך מונע זיין, אזויפיל גוטע זאכן בין אדם לחבירו, ובין אדם למקום. אז מען ווייסט דאס (פארוואס א מענטש איז אראפ אויף דער וועלט), קוקט מען אויף דער וועלט מיט אַן אנדערן קוק! מען מאכט נישט קיין געשעפטן פון דער וועלט! עס גיט דאך ארויס אזעלכע גוטע פירות אז מען לעבט מיט דעם דעת! - זאגט רבי לוי יצחק, אז דאס איז געווען אזוי איינגעבאקן ביי אונזערע לייט [- מען האט דאס איינגעבאקן דורך התבודדות, און דורך דיבורים] - אז צוויי ברסלב'ער חסידים פלעגן זיך טרעפן אין גאס, פלעגט מען צוגיין איינער צום אנדערן און מען פלעגט רעדן פון תכלית! און ער זאגט, דאס איז געווען א 'דבר רגיל' [– עס איז אליין געווארן], אז כמעט מען האט געמיינט אז דאס איז א תקנה! - אזוי שטארק איז דאס געווען! אז מען זעהט א ברסלב'ער חסיד, רעדט מען פון תכלית; **מען זאל נישט פארגעסן פארוואס מען איז דא אויף דער וועלט!!!**.

**נג.** עיין מאמר 'פסיעותיו של אברהם אבינו' (למוהרח"ו) אות פ"ד.

**נד.** עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות כ"ג: אף על פי שחכמותיו הם אמיתיים, שיודע מופתי ההנדסה וכיוצא לאמיתתן, אף על פי כן מאחר שמתרחק על ידי זה מחכמה האמיתיות, שהוא תורת משה בכתב ובעל פה, **בודאי אין שקר וטעות גרוע מזה, שמחליף עולם עומד בעולם עובר.** ובאמת אינו מטעה את העולם כי אם את עצמו, כי אחריתו עדי אובד, כי סוף כל סוף ישוב אל העפר ומאומה לא ישא בעמלו מכל חכמות כאלו, אדרבא, יהיה אחריתו להכרית **על ידי זה דייקא**, מאחר שחטא והחטיא את הרבים בכפירות ובלבולי אמונה על ידי חכמותיו דייקא.

**נה.** עיין שיחות הר"ן אות נ"א: ואפילו אומות העולם צריכים לידע מזה, מאחר שאין העולם הזה כלום - מה צריכים לעשות. על זה צריכים זכיה מן השמים, לזכות לידע מה שצריכים לעשות. **אך ישראל אין צריכים לזה, כי כבר הם יודעים מה לעשות על ידי התורה.**

מען דרייט זיך דא נישט קיין סאך, מען ווייסט נישט וווען מען גייט, פריער צו שפעטער; **האב שכל**, **"והשיבו וחיו"**, **מען קען לעבעדיגערהייט אלץ פאררעכטן, בפרט היינטיגער צייט, מען קען אלעס פאררעכטן, מען דארף נאר ממליך זיין ה' יתברך!**

## 'מי לה' אלי'!

עס איז דא כמה נקודות טאקע, איך בין נישט אזוי בכח צו מאריך זיין, אבער די נקודה איז - מען דארף פשוט האבן שכל, פשוט חכמה. נאך א נקודה איז, דאס איז דער יסוד פון נקמה וואס מען דארף דאס שטארק וויסן. ווייטער, דער ענין פון יראה. נאך אַן ענין - נישט שלאפן, נישט שלאפן.

עס איז דא אסאך וואס צו מאריך זיין אין דעם. ראשית כל, מיר דארפן וויסן וואו מען האלט - מיר האלטן אין דעם 'אלף השישי' וואס איז מרמז אויף 'יסוד'. די 'רע' אונזערע - אויף וואס מיר זענען מצֻוה פון 'ה' אלוקי ישראל' זיך צו שלאגן מיט דער רע, איז דער דור המבול משער הנו"ן ממש - אזא מין רע האבן מיר!

'מצד אחד' איז ה' ירחם עלינו. 'ומצד שני' דארפן מיר וויסן, אז מיר ווען וויסן די עצות פון דעם הייליגן רבי'ן, שרייען צום אויבערשטן, זיך שלאגן מיט די גרעסטע אכזריות, דארפן מיר וויסן, זענען מיר גליקליך לעולמי עד, גליקליך 'לעולמי עד'!

ווען מען איז ממליך דעם אויבערשטן, אין וואספארא העלמה מען איז ממליך דעם אויבערשטן, אין וואספארא הסתרה מען איז ממליך דעם אויבערשטן, איז עס א געוואלדיגער הזדמנות! **עס איז א געוואלדיגער הזדמנות! עס איז א שאד אויפצוטוישן פארשטונקענע תאוות פאר דעם הזדמנות! עס איז ממש - 'מי לה' אלי'! 'מי לה' אלי'!**

**רבונו-של-עולם! עס איז דאך א געוואלדיגער חילוף! דא מען קען גיין אין שאול תחתיות לכליון ואבדון בתכלית הבזיון - און דא קען מען זיין גרעסער ווי נח בדור המבול!**

עס איז א געוואלדיגער זכות וואס מיר האבן היינט!

מען דארף וויסן, מיר שטייען היינט אין א מצב וואס דער דור המבול פון די נ' שערי טומאה וויל אונז מאכן אומגליקליך לעולמים!

**עס איז שרעקליך וואס מען הערט זיך היינט אָן! די לופט איז פאר'סמ'ט! איך בין א ציבוריש'ער מענטש, איך דארף זיין אַן איש-סוד, איך הער זיך אבער אָן אזעלכע זאכן – אוי-ווייי!! אוי-וויי וואספארא זאכן מען הערט זיך אָן!! 'אוי לאותה בושה, אוי לאותה כלימה'! וואס עס טוט זיך היינט אָפּ! מען דארף עפענען די אויגן, מען דארף האבן חכמה דקדושה, וויסן וואו מיר האלטן!**

## קרענקען זאלסטו, אבער שכל זאלסטו האבן...

ווייטער דארף מען וויסן, מען דארף וויסן ביי זיך אליין וואו מען האלט, מען דארף וויסן דעם אמת בפַּשטות, וואו האלט מען 'במחשבה', וואו האלט מען 'בדיבור'.

די **גמרא** זאגט[נו]: 'המנבל את פיו', אפילו ער זאל האבן (פארשריבן) די בעסטע מזל פאר די קומענדיגע זיבעציג יאר, צערייסט מען עס! עס איז דא אויף דעם אזא גיהנום וואס מען גייט פון דארט נישט ארויס!

דארף מען וויסן וואו האלט מען 'במחשבה', וואו האלט מען 'בדיבור', וואו האלט מען 'במעשה', כל אחד כפי פגעי נפשו.

אז מען ווייסט דאס, כאטש עס איז טאקע ביטער אז מען ווייסט עס, אבער - - דער **קאצקער** האט אמאל איינעם געזאגט; עס שטייט[נז]: **"יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב"**; האט ער געזאגט, "דו ווייסט וואס עס הייסט "יוסיף דעת יוסיף מכאוב"? זאגט ער: **"קרענקען זאלסטו, אבער שכל זאלסטו האבן!"**... ווייל אז מען האט שכל,

---

**נו.** שבת דף ל"ג עמוד א'.

**נז.** קהלת א' י"ח

ראטעוועט מען זיך דאך, מען שרייט: **"רבונו-של-עולם, הצילני ממני בעצמי!"**[נח], אז נישט איז דאך מיליאן מאל מער ערגער!

## וואספארא פנים וועל איך ביי דיר האבן?!

דער **רבי** האט געזאגט: **"איך האב פיינט א נאַר, ווייל א נאַר נאַרט זיך פון דעם בעל-דבר אויך!"**.

רבי נתן אין **ליקוטי הלכות** שרייבט[נט], דערפאר שטייט "לא תגנוב" נעבן "לא תנאף", ווייל דער בעל-דבר איז אין דעם ענין א גרויסער גנב, א פשוט'ער גנב[ס].

עס איז אמאל אריינגעקומען א אינגערמאן צום רבי'ן **רבי ברוכ'ל** און ער האט אים געזאגט: "רבי, וואס טוט מען פאַרט מיט דעם יצר-הרע?" האט ער אים געזאגט: "בשעת ער איז געקומען צו מיר, האב איך אים געענטפערט: **'זאג מיר דו אליין, וואספארא פנים וועל איך ביי דיר אליין האבן אז איך וועל דיר פאלגן?!...'**"[סא]

וואספארא פנים וועל איך ביי דיר האבן אז איך וועל דיר פאלגן?!"

---

**נח.** עפ"י לשון ליקוטי תפילות בכמה מקומות, והרי לפניך מלשונו בתפילה ט"ו: **ותצילני ברחמיך ממני בעצמי** לבל אהיה עוד אכזר על נפשי האומללה מאד. ואזכה לרחם על עצמי, כי אין רחמנות בעולם כמו הרחמנות שיש על מי שנתרחק ממך.

**נט.** הל' גניבה ה"ד אות ט': עיקר תאוות ניאוף נמשך ע"י הגניבה של הבעל דבר שגונב וחותר במחשבות האדם בכמה תחבולות וערמימיות וגניבות, עד שמביאו לידי הרהור ח"ו כנ"ל. **וע"כ נסמך "לא תנאף" אצל "לא תגנוב"** (שמות כ' י"ב), כי עיקר הניאוף בא ע"י בחי' גניבה של הבע"ד כנ"ל.

**ס.** עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג אות ג': היצה"ר והסט"א הוא בחינת אונאה שמאנה ומטעה את הבריות, **כי אין אונאה גדולה בעולם כמו האונאה של היצר הרע שמאנה ומטעה את האדם להחליף עולם עומד בעולם עובר ח"ו**, ומאנהו ומטעהו בכמה מיני רמאות וערמימיות ובלבולים בכמה מיני אונאות וטעיות בלי שיעור וערך כדי למנעו מדרך החיים מחיים נצחיים מחיים טובים מחיים ארוכים מחיים אמיתיים, ורוצה להורידו ולהפילו לשאול תחתיות ח"ו ולעקרו ח"ו משני העולמות מהעולם הזה והעולם הבא חינם על לא דבר.

**סא.** מובא בספר בוצינא דנהורא ערך 'עבודה' אות כ"ט.

די **גמרא** זאגט בפירוש אין ברכות[סב], אז א מענטש איז א צנוע אין בית-הכסא, ציטערן פאר אים די שדים - די שדים ציטערן פאר אים! אז א מענטש פאלגט נישט דעם בעל-דבר - דער יצר-הרע ציטערט פאר אים!

"וואספארא פנים וועל איך האבן ביי דיר אז איך וועל דיר פאלגן?!"...

## ענדליך קען ער שוין זאגן שירה

כ'האב געהערט אמאל; יעקב אבינו - ווער האט א השגה אין דעם 'בחיר שבאבות'?! - מיר האבן נאר א זכות אז מיר קענען דרש'ענען וועגן יעקב אבינו - זיין זכות זאל אונז ביישטיין בכל עת ורגע. דער רבי ברענגט דאך אין אנהויב **ליקוטי מוהר"ן**[סג] - 'יעקב' איז 'חכמה'; אויף **"ויעקבני"** מאכט דער תרגום - **"וחכמני"**.

כ'האב געקלערט, עס ווערט געבראכט, די ראשונים ברענגען אראפ[סד] אז איינע פון די שטארקייטן פון דעם יצר-הרע איז אז ער איז א מוחזק, ער איז א מוחזק, א מענטש ווערט געבוירן גלייך מיט גשמיות, דער יצר-הרע איז אים מקדים; ביז דער מענטש כאפט זיך 'על מה אתינא להאי עלמא שפילה', האט ער שוין גוט מחזיק געווען אין אים. איז ער א מוחזק; פון א מוחזק איז שווער ארויסצוגיין.

וואס איז אבער געווען די חכמה פון יעקב'ן? ער האט אזויפיל געדרייט מיט אים, ביז ער איז געווארן דער בכור...

---

**סב.** ס"ב עמוד א'.

**סג.** תורה א', וזל"ש: וזה בחינת יעקב. כי יעקב זכה לבכורה, שהוא ראשית, שהוא בחינת חכמה, כמו שכתוב (תהלים קיא י): "ראשית חכמה". וזה בחינת (בראשית כז לו): "ויעקבני זה פעמים", ותרגום אונקלוס: "וחכמני".

**סד.** עיין דרשות הר"ן – דרוש העשירי.

אפילו בפשטות, די שבטי י-ה זענען געווען וועלט'ס גיבורים, גיבורים אדירים. עס איז ידוע, אין **ספר הישר** אויף חומש[סה] ברענגט ער אראפ, יעקב אבינו איז אמאל ארויס מיט די קינדער צו א מלחמה, איז געווען דארט עפעס א שער וואס מען האט דאס געדארפט עפענען אדער פארמאכן (והיו שם תקועים) - אבער קיינער פון זיי האט זיך נישט גערירט פון פלאץ... (- על אף שבשעת מעשה היו אנשי המלחמה זורקים עליהם חצים ואבנים). מען זעט ווי שטארק זיי זענען געווען.

עם-כל-זה, 'אנת וכלבא שווין', דער בעל-דבר האט אים נישט אפגענאַרט. דאס איז א חכמה דקדושה, מען דארף זיין קלוג, מען דארף האבן חכמה דקדושה, א געוואלדיגער חכם דארף מען זיין, מען דארף נישט זיין קיין נאַר.

מען זעט טאקע, אין דער נאכט פון "**וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ**"[סו], ווערט געבראכט[סז], ער האט נישט געשיקט זיינע חיילות, נאר ער איז געקומען אליין - דער ס"מ אליין בעצמו.

אין דער נאכט, ווערט געבראכט[סח], האט געקאכט אין יעקב אבינו, עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים; ער האט זיך געשלאגן מיט אים א נאכט - און ער איז אים נישט בייגעקומען, ער איז אים נישט בייגעקומען, ער האט זיך דערשראקן פאר אים.

אזוי ווייט, אז עס ווערט געבראכט[סט], ער האט געטראכט, אפשר איז יעקב גאר א מלאך, ווער זאגט אז ער איז א מענטש - עס איז נאר א לבוש?! עס שטייט אז מלאכים האבן נישט קיין קרסולי ישיבה, האט ער געוואלט זען צו ער האט נישט קיין קרסולי ישיבה, איז "**וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ**", האט ער געזען אז ער האט יא 'קרסולי ישיבה'...

---

**סה.** עיין שם בפר' וישלח אחרי שהרגו שמעון ולוי כל בני עיר שכם.

**סו.** בראשית לב, כה.

**סז.** עיין זוהר וישלח דף ק"ע ע"א.

**סח.** עיין ילקוט ראובני אות נ"ז.

**סט.** פירוש הריב"א עה"ת בפסוק שם.

מען זעט דא דעם ערמומיות פון דעם יצר-הרע; אז ער האט געזען אז ער קען אים נישט בייקומען - וואס טוט מען ערשט? האט ער געקלערט, איך וועל קומען מיט אַן עצה צו אים - איך וועל אים אריינווארפן אין גאוה, אים אריינגעבן גאוה. פרעגט ער אים: "**מַה שְּׁמֶךָ?**", זאגט ער אים: "**יַעֲקֹב**". זאגט ער, דו הייסט "יעקב"? יעקב הייסטו? א קליינע מדריגה? א לשון 'עקב'? דו דארפסט הייסן "ישראל" - "**כִּי שָׂרִיתָ**", דו ביסט א גרויסער מענטש.

גלייך שטייט ווייטער: "**וַיִּשְׁאַל יַעֲקֹב**"; גיב מיר נישט קיין גאוה, איך בין א פשוט'ער איד'ל אזוי ווי פריער - לאָמיך אפ!

אדרבה, דער **רבי** זאגט[ע], וואס מער מען האט 'שמירת הברית', האט מען מער עניוות, דאס איז א מורא'דיגע זאך.

בשעת דער אויבערשטער האט אים געגעבן דעם נאמען "ישראל", ערשט דעמאלס האט ער עס אנגענומען. אבער פון אים האט ער עס נישט אנגענומען.

דערפאר שטייט, יעקב אבינו האט אים צוגעהאלטן ווען דער מלאך האט אים געזאגט "**הגיע זמני לומר שירה**". לכאורה, וואס עפעס פונקט ערשט נעמט ער זיך זאגן שירה? וואס עפעס פונקט ערשט?

ווייל די זאך איז אזוי; ווען זאגט א מלאך שירה? נאך דעם וואס ער ענדיגט זיין שליחות. ממילא, אז א מלאך איז מחטיא יענעם, דעמאלס קען נאך נישט דער ס"מ זאגן שירה, ווייל נישט דאס איז דער תכלית; נאר אז ער האט זיך געשלאגן מיט יעקב'ן א נאכט - און ער איז אים "נישט" בייגעקומען, איז דאך ארויסגעקומען א נחת רוח פאר דעם אויבערשטן, ערשט איז 'הגיע זמני לומר שירה'[עא].

---

**ע.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"א אות ג'; שם סי' ק"ל.

**עא.** עיין כ"ז 'עבודת ישראל' פר' וישלח "ושמעתי אומרים בשם חכם אחד" וכו'.

### זיך אויפהויבן און אוועקפליען

ווייטער איז דא די נקודה טאקע פון נקמה; עס איז דא א נקמה דקדושה וואס יעדער איד האט עס, אַן אכזריות דקדושה! יעדער איד פארמאגט עס!

אָן דעם קען מען נישט זיין קיין איד!

מען דארף האבן א נקמה דקדושה פון 'רצח' - עד חרמה! וואס דאס דארף מען ניצן קעגן דער אייגענער רע! יעדער איד האט עס - און מען קען עס אויספירן!

עס איז דא "עז כנמר", און עס איז דא "קל כנשר"[עב]. 'עז כנמר' דאס איז די נקמה דקדושה, די אכזריות דקדושה. 'קל כנשר', דאס איז 'היסח הדעת'. וואס טוט א 'נשר' אז עס קומען שונאים און זיי ווילן אים הרג'ענען - וואס טוט ער? ער גיט זיך א הויב אויף און ער גייט אריבער צו אַן אנדער שטח. פערטיג. איך קען דיר נישט, איך ווייס דיר נישט, היסח הדעת.

אז דער אויבערשטער העלפט, מען ליגט אין תורה, מען ליגט אין תפילה, אין דביקות, איז 'אשרינו'!

עס איז חשוב (- ענין היסח דעת) - אזוי ווי רבינו הקדוש זאגט אין דער הייליגער משנה[עג]: **"טוב תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עוון"**. אז א מענטש איז עוסק אפילו אין א דבר גשמי, אין א דבר חול; אוודאי - יעדע זאך דארף זיין מיט א תכלית; אבער אז ער טוט נאר נישט קיין שלעכטס, רוהט אויף אים די שכינה. אט דאס איז 'קל כנשר', ער גייט אריבער צו אַן אנדער שטח.

אבער טאמער גיט מען א גיי ארויס פון 'קל כנשר', דארף מען גלייך זיין 'עז כנמר', אז נישט איז מען אומגליקליך; גלייך 'עז כנמר', מיט די גרעסטע אכזריות וואס איז נאר דא אין דער וועלט!

---

**עב.** אבות פ"ה מ"כ.

**עג.** אבות פ"ב מ"ב.

דער **אור החיים הקדוש** זאגט[עד], א מענטש דארף זיין א זריז. אז ביי דעם מענטש פאלט אריין א הרהור רע ח"ו, וואס פריער ער דערמאנט זיך אז די מחשבה איז אוועקגעגאנגען – זיי גלייך ממליך דעם אויבערשטן 'בחדרי חדרים' - 'איך וויל נישט נהנה זיין פון דער מחשבה, איך וויל עס נישט' - ביסטו גלייך אוועק פון דעם! וואס שפעטער איז שווערער.

אבער עם-כל-זה, מען דארף זיין וואַכעדיג, מען דארף קענען די עצות אין א מצב חירום (- אמערדשענס"י), מען דארף האבן אזא מין נקמה, אזא מין אכזריות - עד חרמה ממש!

## לעבן אויף רציחה!

פאר פערציג יאר צוריק האט א בחור דערציילט מיין טאטן אז ער איז געווען אין זייער מיליטער. האט מען דארט אויפגעהאנגען א שטארקן זאַק וואס דאס האט מען אנגעפולט מיט קעץ, און מען האט זיי אלעמען געגעבן שטעקענעס און זיי געהייסן קלאפן מיט די גרעסטע אכזריות.

אידן האבן אבער פארט נישט קיין אכזריות; האט ער געזען אז מען קלאפט נישט ווי עס דארף צו זיין, האט דער (קאמאנדיר) דארט געשריגן: **"אני רוצה לראות רצח!!"**.

אט דער רצח איז א רצח פון 'צער בעלי חיים' דאורייתא. אבער אונזער רצח איז, "כי הם חיינו ואורך ימינו"; אונזער רצח איז, אז מיר זאלן האבן די נקמה פון זיך מתאכזר זיין על תאוותו עד חרמה; דאס איז "חיינו ואורך ימינו", דאס איז די גאנצע המְלָכָה.

אט דאס איז דער 'קוצא דאות דל"ת'. דער **רבי** זאגט[עה], דער חילוק פון "**אחר**"-"לא יהיה לך אלהים אחרים", מיט "**אחד**", איז א נקודה,

---

**עד.** עיין פירושו עה"ת ויקרא יח, פסוק ב.

**עה.** ליקוטי מוהר"ן סוף סי' ל"ו.

וואס אט די נקודה, זאגט דער רבי, דאס איז 'שמירת הברית', אט דאס איז דער 'קוצא דאות ד'". דאס איז "חיינו ואורך ימינו" וואס דורך דעם ווערט מען נכלל אין בורא עולם.

דערפאר טאקע איז נישט קיין וואונדער וואס רצ"ח איז בגימטריא רחמי"ם, ווייל דאס איז די גרעסטע רחמנות. אויף דעם טאקע זאגט די **גמרא** אין "תמיד"[עו]: **"מאי יעביד איניש ויחיה? ימית את עצמו!"**; הרג'ע זיך - וועסטו לעבן!

הרג'ע זיך - וועסטו לעבן!

א מענטש קען זיך ליב האבן, און אלצדינג, אבער ביי דער זאך הרג'ע זיך - וועסטו לעבן![עז] אט דאס איז דיין לעבן, דיין חיים נצחיים! פארקויף נישט קיין חיים נצחיים פאר קיין בוץ, פאר טומאה, פאר בלאטע.

די ראשונים[עח] זאגן אויף "ימית את עצמו" - **"ימית תאוותו"**. אבער רש"י זאגט: **"ישפיל את עצמו"**; עניוות.

אינ'אמת'ן איז דאס איין זאך; ווייל אז א מענטש איז זיך נוקם בתאוותו, ווערט ער אַן 'עניו', ער הויבט אָן שפירן דעם אויבערשטן, ער הויבט אָן דינען דעם אויבערשטן, ער וויל נישט קיין גאוה, ער וויל נישט קיין כבוד, דאס איז מיין לעבן; עס איז תלוי זה בזה.

---

**עו.** דף ל"ב ע"א.

**עז.** עיין שבחי הר"ן אות ט"ז: ואמר (רביז"ל), שהבעל דבר רצה להניח לו הכל רק שהוא יוותר לו דבר אחד. והוא אמר להיפוך, שהוא יניח הכל, רק אותו הדבר אינו רוצה להניח מלשברו. דהיינו שהבעל דבר היה מרוצה להניח לו שישבר כל התאוות רק שהוא יוותר לו דבר אחד, מן הסתם היינו התאוה הכללית הנ"ל, שעיקר היצר הרע הוא בתאוה זו. אבל הוא, זכרונו לברכה, אמר להיפך, **שהוא יניח לו הכל לבלי לשברו, רק זאת התאוה רוצה לשברה לגמרי**, וכו' עיי"ש.

**עח.** עיין פי' הרא"ש ומהרש"א שם.

דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן**[עט], דער תירוץ פארוואס "**וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן בְּמֹשֶׁה עַל אֹדוֹת הָאִשָּׁה הַכֻּשִׁית אֲשֶׁר לָקָח**"[פ]; דער תירוץ איז, ווייל **וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**"[פא]. אז מען האט עניות, דארף מען נישט קיין תאוות!

דארף מען דעם אויבערשטן - דארף מען נישט קיין תאוות!

דער יֵשות, די גאוה, דאס דארף די תאוות! אז מען ווייסט אז עס איז דא א בורא עולם, **'אין עוד מלבדו'**, דעמאלס דארף מען נישט קיין תאוות; ברוך ה' אויף וואס איך האב יא, עס קומט מיר גארנישט, מען דאנקט דעם אויבערשטן – 'ברוך ה' אויף וואס איך האב, "הודו לה' כי טוב"!'.

על-כל-פנים, מען דארף מאכן א התחדשות, נעמען דעם **עתיד** און פארריכטן דעם **עבר**; וואס הייסט 'פארריכטן'? נישט נאר פארריכטן, נאר עס זאל זיין מיט רעשט מיליאן מאל אזויפיל...

**די עצה ווענן קינדער**

ווייטער טאקע, מען דארף רחמנות האבן אויף 'נפש עוללינו וטפינו', אויף דעם האט דוד המלך געזאגט[פב]: "**אַתָּה ה' תִּשְׁמְרֵם, תִּצְּרֶנּוּ מִן הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם**".

עס איז דא אסאך וואס צו רעדן ווענן דעם ענין פון קינדער. איינע פון די נקודות איז - 'ראשית כל' - דאס איז א זאך וואס מען דארף עס וויסן, מען דארף רעדן מיט די קינדער אסאך דברי אגדה.

איך האב געזאגט אמאל, אז א מגיד שיעור וויל זאגן איין שעה א שיעור - קאסט עס אים א פינעף שעה! [- ביי אנדערע אסאך

---

**עט.** סי' ק"ל.

**פ.** במדבר יב, א; ובפירש"י שם, דהיינו שפירש מאשתו.

**פא.** שם פסוק ג'.

**פב.** תהלים י"ב ח'.

מערער] - איין שעה א שיעור. א טאטע דארף וויסן, אז מען דארף שבת פירן-טיש, עס איז דאך דא אזויפיל מעשה ביכלעך היינט; מעג מען מקדיש זיין צייט פאר די קינדער און זיך צוגרייטן און דורכליינען א צען מעשיות און ארויסנעמען צוויי מעשיות וואס דאס פּאַסט צו דערציילן פאר די קינדערביים שבת-טיש.

נאך א מעשה רעדט זיך יראת שמים, רעדט זיך קדושה, רעדט זיך מידות, אלעס. קינדער האבן ליב א סיפור - נאך א סיפור קען מען רעדן מיט זיי[פג].

עס איז נישטא קיין אנדערע עצה!

'מצד אחד' ווען א קינד זעט אז זיין טאטע האט אים ליב, זיין טאטע זארגט פאר זיין גשמיות, זיין טאטע האט ליב אז ער קאָמאַנדעוועט, זיין טאטע האט הנאה אז ער האט הנאה, ווייסט ער אז ווען זיין טאטע רעדט מיט אים יראת שמים, מיינט ער ווייטער זיין טובה; דאס איז נאר דורך דברי אגדה, נאר דורך דברי אגדה; עס איז א געוואלדיגע זאך, עס איז הפלא ופלא!

נאך יעדער סיפור קען מען פאָרשטעלן ווער דער צדיק איז געווען, און ווי איז ער געווארן אזוי גרויס, און ווי אזוי ער האט געמאכט אזעלכע מופתים - 'ווייל ווען ער איז געווען א אינגל האט ער געלערנט, האט ער געדאוונט, ער האט געהיטן די אויגן, ער איז

---

**פג.** עיין ספר דורשי יהודך (שובבי"ם ח"א מאמר א') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א אז מען רעדט מיט די קינדער מעשיות פון צדיקים, דערהויבט עס די קינדער. ווייל אז מען זאגט קינדער מוסר, ווערן זיי געטשעפעט, זיי הערן נישט וואס מען וויל. מען דארף דערציילן פאר קינדער מעשיות פון צדיקים וואס שטייט באשריבן, פון חסידי'שע צדיקים, ליטווישע צדיקים, עס איז באשריבן אסאך מעשיות פון צדיקים. **רבי וועלוועלע בריסקער** ע"ה האט געזאגט: **"איך האב מחנך געווען מיינע קינדער מיט עובדות פון גדולים!"**. אַן עובדא פון א גדול רעדט צו א קינד, ער הערט אז עס איז דא העכערס, א דעת תורה, מידות טובות. יעדע סיפור רעדט דאך עפעס פון א שבח פון א צדיק וואס ער האט געטון, וואס ווען דאס קינד הערט עס, הויבט ער אָן צו וויסן אז עס איז דא העכערס. דער הייליגער רבי אליין זאגט (שיחות הר"ן אות קל"ח): אים האט מקרב געווען מעשיות פון צדיקים!

געוועז הייליג'; מען קען אריינלייגן אזויפיל יראת שמים - עס איז א געוואלדיגע זאך.

ווייטער - נאך א זאך; מען דארף אסאך אכטונג גיבן און וויסן כסדר "וואו" דאס קינד געפינט זיך - מען "מוז" וויסן וואו ער געפינט זיך. 'מען ווייסט גארנישט ווי גליקליך מען איז אז מען ווייסט כסדר וואו דאס קינד איז. ווייל דער אויבערשטער זאל אפהיטן; "**אַתָּה ה' תִּשְׁמְרֵם, תִּצְּרֶנּוּ מִן הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם**"[פד].

מען דארף זען - ביי קינדער דארף זיין זיס די שטוב! אז ער געפינט זיך געשמאק אין שטוב - זאל ער שפילן אין שטוב, שרייבן אין שטוב, זאל ער מאַלעווען אין שטוב, זאל ער קאָמאַנדעווען אין שטוב, אַבי די שטוב זאל זיין געשמאק; אז ער איז אין שטוב, איז ער פול מיט טהרה בעזר ה'!

## קדושתו של משה מלובש בכל אחד מישראל

יעדע זאך וואס מיר האבן גערעדט דא, דאס איז אונזער ארבעט 'יומם ולילה'! 'יומם ולילה'!

"**'אנכי' ו'לא יהיה לך' בדיבור אחד נאמרו**"[פה]; ווייל "אנכי" איז "לא יהיה לך", און "לא יהיה לך" איז "אנכי", עס איז 'תלוי זה בזה'. אזוי

**פד.** עיין ספר דורשי יחודך (שובבי"ם ח"א מאמר ד') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: מען דארף טאקע זען צו אכטונג געבן די קינדער, מען דארף היינט וויסן כמעט פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת וואו ער געפינט זיך, מען טאר נישט לאזן די קינדער גיין אין חדר פאר דער צייט. ער זאל קומען פונקט ווען דער רבי איז שוין דא. און ווען ער קומט אהיים דארף מען וויסן 'וואו ביסטו געווען?! מיט וועמען ביסטו געקומען אין שטוב?!'. עס איז 'רחמנא ליצלן' וואס עס טוט זיך היינט - דער אויבערשטער זאל זיין דער היטער. נישט איינמאל קומען צו מיר מענטשן מיט קוויטלעך וואס זיי האבן אינגלעך, זאגן זיי מיר, 'זיי מתפלל, זיי מתפלל, זיי מתפלל!'. דער **מדרש** זאגט (ויקרא רבה כו, ב'): די 'תינוקות של בית דוד - עד שטעמו טעם חטא' - האבן געהאט אזעלכע הייליגע נשמות, אז זיי האבן גע'דרש'נט מ"ט פנים בתורה - אזעלכע הייליגע נשמות האבן זיי געהאט! 'תינוקות'! (און עם כל זה) "**ועליהם אמר דוד: 'אַתָּה ה' תִּשְׁמְרֵם'!**".

**פה.** תיקו"ז דף עו ע"א.

ווי מען זעט ביי שבת[פו]; "זמירה", אז מען רייסט אויס די שלעכטע צווייגן, איז מען 'חייב משום נטיעה'. ווייל אז מען רייסט אויס דער רע, ווערט "ה' אחד ושמו אחד", ווערט 'נתגלה מלכותו', ווערט 'כבוד אלוקים', ווערט 'השגות אלקות'.

א פלא'דיגע זאך איז דער רבי מגלה אין **ליקוטי מוהר"ן** אין סימן ע"ב - עס איז א פחד נורא: יעדער איד, אין יעדעס 'איבר שֶׁבּוֹ', איז דא 'ענוותנותו של משה' - אזוי זאגט דער רבי.

אין יעדעס איבר איז דא דאס עניוות פון משה, די קדושה פון משה, די נקמה אין רע פון משה - אזוי שטייט מפורש - אזוי זאגט דער רבי: "בכל איבר ואיבר שבו". נאר דער רבי זאגט, עס שלאפט בבחינת מיתה, שינה ומיתה, מען דארף עס דערוועקן. אבער דאס עניוות של משה, די קדושה פון משה'ן, איז דא אין יעדן איינעם.

מען זעט אַן אינטערעסאנטע זאך, פאר דער הסתלקות פון משה'ן האט דער אויבערשטער אים געזאגט: גיב "נאָך" א נקמה אין דער רע; "**נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים, אַחַר תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ**"[פז] - איידער דו גייסט אוועק, גיב "נאָך" א קלאפ דער רע.

אט דער כח ליגט אין אונז - בכל אחד ואחד מאיתנו! מען דארף עס נאר דערוועקן; דאס דערוועקט מען דורך תשובה, דורך ליקוטי תפילות, דורך עבודה, דורך תפילה, דורך השתוקקות, דורך הייליגע דיבורים, מיר האבן דאך עצות - אזעלכע טייערע עצות, אזעלכע טייערע דיבורים.

## אוצרות אויף היינטיגע צייטן

דאס איז טאקע דער ענין פון התחדשות, ערשט איז דאך א זמן פון התחדשות, ראש השנה, א נייע יאר לאילנות; מיר זענען דאס די

---

**פו.** עיין גמ' שבת דף עג ע"ב.

**פז.** במדבר לא, ב'.

אילנות - אלעס גייט אויף אידן, אלעס. איך האב געזען איינגעטייטשט, אז די הושענות פון "הושענא זית מנשל", פון "כרם מתולעת" (וכו'), אלעס גייט אויף אידן; מיר זענען א כרם, מיר זיינען ביימער, מיר זיינען אילנות - אלעס זענען מיר! מיר זענען כולל די גאנצע בריאה!

אין אונז איז תלוי די גאנצע בריאה!

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, מיר זאלן ערשט מאכן א התחדשות.

און 'רבותי'! מען זאל וויסן זיין, אז מיר ווייסן פון דעם הייליגן רבי'ן, אז מיר ווייסן פון רבי נתן'ען - האבן מיר אוצרות! מיר האבן אוצרות אויף היינטיגע צייטן, אויף דעם היינטיגן דור, אויף דעם היינטיגן דור!

## כח ההתאספות

ברוך ה', מען האט קובע געווען א התאספות, מען דארף מכבד זיין דאס התאספות, דאס עצם זיך מחזק זיין! מען דארף וויסן, אז א מענטש קומט, אפילו ער האט נישט געהאט די ריכטיגע התעוררות, אבער ער איז געקומען האבן א התעוררות - '**רבונו-של-עולם, אויף וואס בין איך געקומען? איך בין געקומען האבן א התעוררות!**' - אט דאס עצם קומען איז א געוואלדיגע זאך.

אונזער זאך - און בכלל דאס גאנצער יהדות - שטייט היינט אויף התאספות.

**רבי חיים וויטאל** זאגט[פח] - ער נעמט עס אויף גאר א הויכן פלאץ – אויף גאר א הויכן פלאץ; זאגט ער, אז מען וועט נעמען צען קיינעס - איינעם איינעם - צעברעכסטו עס; מען צעברעכט איינעם,

**פח.** עיין שער ההקדמות דף נה ע"ב – עיי"ש שמשתמש במשל זה לענינים גבוהים בענין המידות והספירות; מובא גם במדרש תנחומא פר' נצבים פרק א' על ענין אחדות בין ישראל.

נאך איינעם, נאך איינעם (וכו') - איינס איינס - צעברעכסטו עס. אבער דריי ("צוזאמען") ברעכסטו שוין נישט איבער.

דער כח פון קומען צוזאמען, מען רעדט אמונה, מען רעדט פון קדושה, מען רעדט פון עבודה, מען רעדט ווי אזוי זיך צו ראטעווען, אט דאס האט א געוואלדיגן כח!

איך געדענק, פאר פערציג יאר צוריק צי פינעף-און-פערציג יאר צוריק, האב איך געהאט א שיעור אין ליקוטי הלכות, וואס פונקט איז עס געווען בין מנחה למעריב ווען **רבי לוי יצחק** פלעגט זאגן דעם שיעור. איז צוגעקומען איינער פון די זקנים, האט ער מיר געזאגט: **"אינגערמאן, וואס מען קויפט איין ברבים, קויפט מען נישט איין ביחיד!"**.

גלייך האב איך זיך קובע געווען א צווייטע פלאץ פארן שיעור, און איך האב זיך צוגעזעצט. און, איך האב זיך איינגעקויפט. אמאל האט טאקע געקענט זיין א שיעור וואס עס האט זיך מיר געדאכט אז איך האב נישט געכאפט דעם חידוש, אבער נאכער איז דא עפעס א דיבור וואס איז גאר עפעס אנדערש וואס אליין וואלט איך דאס נישט קונה געווען.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל זיך באנייען, מען זאל זוכה זיין 'ולטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה', 'ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות, ולתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו מכל סיג ופגם'.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מיר זאלן זיין פון די וואס מיר זאלן בויען דער וועלט, און די גאולה זאל זיין פון אונז - 'אנו כמו שאנו'!

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# לזכרון בהיכל ה'

נשמת האשה החשובה, כל ימיה עשתה צדקה וחסד לאחרים, הגדיל
את צאצאיה בקדושה וטהרה
מרת **חי' געלא** ב"ר **מרדכי** ע"ה
תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

הנוצח ע"י בנה
מוה"ר **יוסף נתנאל פריעד** הי"ו

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד הרבני הגיד, רחים ומוקיר רבנן, ואיהו גופא מצורביה, איש
ישר וטוב לב
מוה"ר **משה יואל סאנדער** הי"ו
**לרגל שמחת ארוסי בתו הכלה תחי"ו**
עב"ג החתן **אליעזר** בן מוה"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו
בשעטו"מ למז"ט

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל
בני ישראל, והזיווג יעלה יפה יפה, ותזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים
בתורה ובמצוות באמת, אך טוב וחסד כל הימים

# יאמץ לבך

אמאל בימי האר"י הק' האט נאר אויסגעפעלט אפאר וואכן א יאר זיך צו מחזק זיין אויף קדושה.

## היינט אין אזא דור המבול איז שובבי"ם אגאנץ יאר!

מען דארף זיך כסדר מחזק זיין אין קדושה, נישט זיך לאזן פון דעם סמ"ך מ"ם, נאר וויסן מיט א וודאית – "אלקינו שונא זימה"! און זיין א אכזר אויף זיך אן א פארוואס!!

און דעמלטס הייסט געלעבט, אן דעם איז מיתה ממש, און נאך טויזנט מאל ערגער פון מיתה!

די גמרא זאגט 'מה יעביד איניש ויחיה'? וואס זאל א מענטש טון אז ער זאל לעבן? ענטפערט די גמרא: "ימית את עצמו"! און אט דאס הייסט געלעבט!

(מדברי חיזוק שהשמיע מורינו הגה"צ שליט"א לעורכי המכון לרגל הוצאה לאור ספר דורשי יהודך עניני קדושה – יום ד' שמות תשפ"ה לפ"ק)

בס"ד

# יעדער איד קען זיין הייליג

זיס און געשמאק

די ספר
וועלכע טראגט
די הייליגע שליסלן
צו א לעבן פון קדושה
אויף א פראקטישן
און לייכטן אופן,
אויפן אידישן שפראך

מאת הרה"צ
רבי **יעקב מאיר שעכטער**
שליט"א

א קליינע איוועסטמענט,
מיט רייכע רעזולטאטן!




צו באקומען אין אלע געשעפטן